בכדי צוריקצוקעהרען אויפ'ן וועג פון אונזערע אבות. כנסת ישראל וויל אריינוואכען, יודען שטעהט אויף!

י.

# איבער די נאָהנטסטע אָרטאָדאָקסישע ליטעראַטור

א.

אידער מיר געהן צו צום גופא ענין איז כדי ביי זיך קלאָר צו מאכען

צי דארפען מיר בכלל ליטעראטור און וואָס ווילען מיר מיט איהר בעצוועקען—

אין אמתן — פארהאַן צווישען אונז אזא מיינונג — ווער נייטיגט זיך דאָס אין מאָדערנע ליטעראַטור? — ליטעראַטור איז דאָך אַנ'אויסדרוק פון א תוך, א ענין פון פערשטריי-טען מדות; — (מיר שטרייכען אונטער: מיט דעם זענען מיר מסכים, וואָס די אָנהענגער פון דער עסטעטיק האַלטען, בעלעטריסטיק איז אַנ'ענין פאר זיך — אַרטיזם; בעלעטריסטיק דאַרף טראָגען אויף זיך דעם חותם פון נאָר ריינער קונסט), און צי פעהלט דען אונז, וואו צו שאפען זיך מדות. אַפגערעדט פון תנך און תלמוד, אָבער די טויזענדער ספרים פון אונזערע גדולים! —

און פאַרהאַן אַזאַלכע — זאָגען זיי מיט אַנ'עפּולדיגען שמייכעל אויף די ליפען: ווער דאַרף דאָס אַלץ? — — — שטותים! — — עס איז אָבער נישט אַזוי. אינ'ם היינטיגען טאָג — ס'איז אַ געוואַלד שרייענדער פאַקט — האָט די השפעה אויפ'ן דורכשניטליכען מענש דוקא די מאָדערנע ליטעראַטור און פרעסע; דוקא די מאָדערנע ליטעראַטור אַרבעט ביי איהם אויס השקפות און איז איהם אונדירעקט מדריך. —

אגב, און עס וועט, דאַכט זיך, קיינער נישט קומען זאָגען, דער דורכשניטליכער יונגערמאַן זאָל איינגאַנצען אַוועקוואַרפען דאָס לעזען, נישט אין האַנד נעמען די פרעסע.

און ס'איז נישט צו פערלייקענען. תא חזי: די ספרים שאַנק זעהט נאָר דעם פרצוף פון די אייגענע איינגעשרומפעלטע ווענד. (אפשר וועט אַמאָל פרובען דער יוד פון דער גרויסער שטאָדט דאָס אָפּלייקענען, וועט עס אָבער דער יוד פון דער פּראָווינץ נישט טהון, — ער ווייסט אַם-בעסטען.) און לאָמיר זיך טאַקי נישט באַנאַרען.

און מ'קאָן זיכער נישט בעשולדיגען אונזערע יונגע-לייט. אַזויי וואַרפען לחכעיס אַוועק דאָס יודישע און נעמען זיך צום פרעמדען, חלילה, דירעקט זענען זיי נישט שולדיג: יעדער יוד פיהלט אויף זיך דעם חוב, וואָס איז מוטל אויף איהם זייט טויזענדער יאָהרען. ער וויל איהם אויך מקיים זיין, בכל הכחות, ס'טרעפט זיך אָבער אָפט, ער איז שוואַך אַקעגענצושטעלען זיך די נסיונות, וואָס דרינגען אַריין אין זיין רשות. און מיר מוזען, איינמאָל פאַר אַלע מאָל, אַוועקשוויסען פון זיך אָט יענע מיינונג, אַז דער, וואָס וויל זיין אַ רעליגיעז דיסציפּלינירטער יוד מוז דוקא זיין — און אויף אַנ אַנדער אופן איז גאָרנישט געמאָלט — אויסגעטהון פון עולם החומרי. פאַר וואָס וויל מען נישט וויסען, כדי צו דערהאַלטען, אויף הוה און עתיד, דאָס יהדות מיט'ן יודישקייט, מוז מען אומבעדינגט אַריינשפּאַרען מיט אַלע כחות די תורה אינ'ם לעבען, זי זאָל זיך דאָרט צוואַקסען —

מאַכען דאָס לעבען מיט דער צייט פאַר דינסטער פון דער תורה, ווייזען די תורה איז נישט אָפּהענגיג אין מצב פון דער צייט.

דאָס הייסט נישט פשרה'דיג יודישקייט, ווי מאַנכע ווילען עס פערשטעהן, ביי אונז קאָן מען נישט איינגעהן אויף פשרות. נאָר מען בעדאַרף אַריינציהען אין דער היינטיגער וועלטליכער בילדונג, וועלכע איז אונז נוגע, אַ יודישע נשמה און אַ יודיש הארץ. דאָס פסולת וועט דעמאָלט אַוועקפאַלען און בלייבען וועט נאָר איהר גוטער צד. אמת ס'איז אַ שטאַרק גליטשיגער דרך. מיר וועלען זיך אָבער סומך זיין — ווי דער רמב"ם שרייבט אין דער פתיחה צום „מורה" — אויף עת לעשות. מיר שטעהן נאַקעט מיט צובּיסענע נשמות און הערצער, מיר זענען אַ מאַסע אָהן אַ צלם, וואָס קייקעלט זיך אין חצות אויף בלוטיגע טרעפּען. — און מיר מוזען דעריבער טהון, פערלייגען כחות און טהון.

אונזער בעקאַנטער דענקער נתן בירנבוים שרייבט:

„...מיר האָבען פערגעסען, אַז הקב"ה פערלאַנגט פונ'ם מענטש, ער זאָל מיט בטחון טהון, נישט מיט בטחון און מיט פערלעגטע הענד וואַרטען אויף זיין הילף; און ווייל מיר זענען אַריינגעפאַלען אין אַ מין רעליגיעזען עגאָאיזם צוליב וועלכען מיר דאגהן זיך אַ יעדער נאָר וועגען זיך אַליין, וועגען זיין עולם-הבא, און די כנסת ישראל געבען מיר אַריין אין די הענד פון פושעים, אפּיקורסים און הפקר מענטשען, און דאַן וועט איהר פערשטעהן, אַז צו דעם היינטיגען חורבן פון יודישקייט איז נישטאָ קיין אַנדער היילף, נאָר אָפּרוקען זיך פון אָט דעם בעקוועמען בטחון און פון אָט דעם רעליגיעזען עגאָאיזם, צו געזעגענען זיך מיט אונזער נישט טהון און אַליין צו ווערען טהוערס, זעלבסטשטענדיגע טהוערס." — — —

ב.

דאָס מהות פון ליטעראַטור ביי אונז —

ליטעראַטור איז די אָפּשפּיגלונג פון יעדער עפּאָכע און צייט. קומט אויס: די ריכטונגען פון דער ליטעראַטור טוישען זיך, כמעט, פּאַראַלעל מיט די שינויים, וואָס קומען פאָר אינ'ם לעבען. די ליטעראַטור האָט שוין דורכגעמאַכט ביז'ן היינטיגען טאָג פערשידענע גלגולים, און ווי נעהנטער צו אונז די צייט, אַלס שנעלער קומען פאָר די האַזיגע שינוים. ווי ווייט ליטעראַטור בעקנופּט איז מיט צייט קאָנען מיר זעהן, למשל, פונ'ם ראָמאַנטיזם, וואָס האָט געמאַכט די ערשטע רעוואָלוציע — אַראָפּגעוואָרפען דעם קלאַסיציזם, אין צווייטען האַלבען 18-טען יאָהרהונדערט.

המשך קומט.

ו. לייכטער.

רעדאַגירט דורך דער פערלאַגס-רעדאַקציע. געזעצט מיט אותיות פונ'ם פערלאַג „סגלה" געדרוקט ביי ד. שטשעטשינסקי. פער. רעד. ש. ווייגרויב.

Red. odp. S. Wajnryb. Czcionkami wyd. „Sguło“, Łódź. Druk. D. Szczcińskiego, ul. Prez. Narutowicza 11.

# ר ע פ ל ע ק ס ע ן

## איבער די נאָהנטסטע אָרטאָדאָקסישע ליטעראַטור

המשך

די סיבה דערצו: אָנגעהויבען זיך אַ נייע עפּאָכע פאַר דער מענשהייט בכלל, האָט זיך פאַרשטייט זיך, געמוזט שאַפען אַ נייע ליטעראַטור. און געשאַפען האָט זיך אַ ליטעראַטור געבויט אויף גאָר נייע יסודות. מען האָט זיך אָפּגעקעהרט פון די כלערליי פאַרשריפטען, אויף וועלכע ס׳באַזירט זיך די פּאָעטיק, עס האָט זיך געשאַפען דער רצון פאַר אָריגינעלעס. מען האָט אָפּגעטרייסעלט פון זיך דאָס קאַלטקייט און קופערנע רוהיגקייט פון דער נשמה.

און פון אָט יענער צייט — פון דער ערשטער וויכטיגער איבערקעהרעניש אין דער ליטעראַטור — הערט נישט אויף שטיל צו ווערען אין דעם דאָזיגען אותיודיגען וועלטעל. ס׳ווערען געמאַכט כסדרדיגע עקספּערימענטען אויפ׳ן דאָזיגען געביט. ס׳ווערען געשאַפען פאַר דער ליטעראַטור נייע דרכים. ס׳ווערט געברויכט פערשידענע טעכניק, אַרויסצוברענגען דאָס, וואָס לאָזט זיך נישט זאָגען, און נייע געשטאַלטען, צו קאָנקרעטיזירען דאָס נישט-ווירקליכע.

אמת, אָפּגעריסען זיך פון קלאַסיציזם האָט מען אפשר פערלוירען דעם געשמאַק, דערפאַר אָבער, און דאָס מוז יעדער מודה זיין, האָבען די הערצער אָנגעהויבען מעהר פיהלען און זעהן; אמת, מ׳טאָר נישט אוועקוואַרפען דעם אַרטיזם, אָבער מ׳טאָר אויך קיינעם נישט בינדען מגט די חוקים פון דער אָנגענומענער פּאָעטיק. און ס׳וואָלט געווען זעהר טרויריג, ווען די, וואָס האַלטען זיך ביי אָט די חוקים, וואָלטען נישט געוואָלט נעמען אין אַכט די סבות, וואָס האָבען בעוואויגען די צווייטע כת אָפּצוקעהרען זיך פון זיי. און דאָס איז טאַקי אויך זיכער, דער קלאַסיציזם טאָר נישט בלייבען אַלס אַ נ ׳ אַ ב ע ר ג ל ו י ב ע ן, און די שפּעטערדיגע פעריאָדע אין דער ליטעראַעור — מ אָ ד ע ביי אַזאַ לאַגע וועט מען שטענדיג בלאָנדזען.

*

ביי די אומות העולם איז די ליטעראַטור אַ בריה בפני עצמה. זי איז כולל דאָס לעבען, דענקען און שאַפען פון דעם אָדער יענעם פאָלק אין דער אָדער יענער צייט, ס׳איז דער כבוד און רוהם פונ׳ם פאָלק. — די ליטעראַטור איז אַלזאָ ביי די אומות העולם אַ ציעל צו וועלכען מען שטרעבט מיט כל הכחות. זי איז זייער אוצר. דאָס, וואָס זיי האָבען נישט געקאָנט דערגרייכען מיט מעשים האָבען זיי פעראייביגט אין ווערטער. דעריבער, דאַכט זיך, איז אין אַ געוויסע מאָס בערעכטיגט די מיינונג פון אָט יענע, מ׳טאָר נישט טוישען די ריכטונגען אין דער ליטעראַטור פאַראַלעל מיט די ענדערונגען וואָס קומען פאָר אין לעבען. ס׳ווייזט אויף דעם נישט פעסטען יסוד, אויף וועלכען דאָס דאָזיגע פאָלק באַזירט.

ווען מיר נעמען אָבער די מאָדערנע ליטעראַטור אין בעצוג צום יודענטום, זעהן מיר, דאַכט זיך, אַז לויט זיין השקפה, איז די דאָזיגע ליטעראַטור (אַלס גאַנצעס) נאָר אַ מ י ט ע ל (פאַר זיך קאָן זי אויך זיין אַ ציעל) צו דערנעהנטערן זיך צום גרויסען עיקר. ביי אַזאַ לאַגע בעדאַרפען מיר נישט מורא האָבען פאַר אונזער מאָדערנער ליטעראַטור, אַז מאָרגען וועט די וועלט בעקומען אַנ׳אַנדערע צורה און די ליטעראַטור, וואָס מיר האָבען היינט געשאַפען וועט פערלירען איהר ווערט:

נישט זי איז אונזער ציעל און נישט אין איהר פערלירען מיר חלילה, אונזער כבוד און בטחון. ס׳איז אַ מיטעל און דאָס מיטעל קאָן נישט בלייבען דאָס זעלבע — דעאָלט ווען די סבות טוישען זיך.

אין תוך גענומען, איז די מאָדערנע ריכטונג אין דער ליטעראַטור גאָרנישט אַ פועל יוצא פון דער גרויסער מלחמה, פאַר וואָס אַ סך האָבען אַזוי שטאַרק מורא, אַז נאָכדעם ווי די וועלט וועט זיך צוריק אַרויפדרעהען אויף איהרע נאָרמאַלע אַקסען, וועלען אויך פערשווינדען די נייע ריכטונגען אין דער קונסט, און פון די אַלע היינטיגע שאַפונגען וועט נאָר בלייבען אַ זכר אין דער היסטאָריע פון ליטעראַטור, — נאָך אין די יאָהרען תרע״ב — ד איז שוין געווען צו מערקען אין איטאַליען און אמעריקאַ רייפע שאַפונגען פון די נייע ריכטונגען. ס׳איז דאָך קלאָר, די גרויסע וועלט צוטרייסלונג האָט זיך נישט פלוצים געשאַפען, נאָר איז אַ פועל-יוצא פון דער אַלגעמיינער לאַגע, אין וועלכע די וועלט האָט זיך זייט יאָהרען געפונען, איז אַ פועל-יוצא פון אַ רייהע משוגענע, אָנגאַשטרענגטע יאָהרען, וואָס ברענגען בהדרגה די ריכטונגען פון דער קונסט צו אַזאַ אויסדרוק.—

פון וויסענשאַפטליכען שטאַנדפּונקט בעהאַנדעלט זענען די דאָזיגע נייע ריכטונגען אַ געזעצליכע עוואָלוציע, אַ ווייטערדיגער עטאַפּ אין דער ענטוויקלונג פון דער עסטעטישער קונסט. ביי די, וועלכע פערשטעהן אונטער קונסט מעהר ווי אַ געוועהנליכע אָפּשפּיגלונג פון דער נאַטור, אַז קונסט איז אַ שטיק וויסענשאַפט געקניפּט מיט לעבען — ביי זיי איז קונסט אַנ׳אויסדרוק פון אַנ׳אידעע איבערגעגעבען דורך אַ סימפּאָניע פון ליניעס און געשטאַלטען (פּלאַסטיק, פּאָעזיע) אָדער טענער (מוזיק).

און אָט דאָ איז טאַקי די לעזונג פון דער פּראַגע, פאַר וואָס האָט די מאָדערנע קונסט אַזוי פיל פּרצופים און אויך דעם אויסדרוק פון אַנטי-רעאַליזם ?—

ואָרין, פשוט, קוים זאָגען מיר, אַז קונסט = אידעע הייסט עס דאָך — דער עסטעטישער אָביעקט איז נאָך אין דער ווירקליכקייט נישט בנמצא, סאָ ווי אַזוי איז מעגליך מ׳זאָל איהר איבערגעבען מיט אַזאַ קאָמפּאָזיציע פון לי-ניעס און געשטאַלטען אָדער טענער, וואָס עקזיסטירט שוין?

המשך קומט.

ה. לייכטער.

## אמונה און חקירה

ב.

דאָס זיין אַ מאמין אין דער השגחה עליונה און זיין איבער געגעבען מיט׳ן גאַנצען מהות די י״ג עקרי האמונה, אָט אַזאַל-כער טראָגט דעם נאָמען יוד, ווייל ער איז אַזעלכער. דאַגעגען דער וואָס שליסט זיך אויס פון צו גלויבען אין די י״ג עקרי האמונה און ער שאַפט נישט זיין לעבען לויט אַלעם דעם, וואָס די י״ג עקרי האמונה ענטהאַלטען, ווערט ער ממילא אויס יוד און איז נישט אין קיין פאַל אַזעלכער.

קומט אויס: דאָס יודענטום, וועלכעס בעשטעהט פון בלויז גלויביגע און בעלי-אמונה איז לויטער אמונה און קיין שום אַנדערעס חוץ אמונה האָט צו איהם קיין שום שייכות און איז אין געגענזאַץ.

און אָט זעהען מיר, אַז דוקא די גרעסטע בעלי-מאמינים פון יודישען פאָלק, זענען געווען די גרעסטע יודישע וועלט-חוקרים, אַז די גרעסטע יודישע פערזענליכקייטען זענען געווען קענער פון יעדער אַרט וויסענשאַפט און אָט די אַלע בעזיצענדע וויסענשאַפטען האָבען זיי בענוצט צו עבודת הבורא מיט מעהרערער און גרעסערער איבערגע-בענהייט.

צי איז דען נישט געניגענד אָנצוווייזען אויף אונזערע חכמי-חתלמוד, וועלכע האָבען דאָך בעוויזען מיט זייער ריי-זען-ווערק וואָס רופט זיך תלמוד, אונז צו געבען אַ אי-בערבליק און אפילו ברייטע ידיעות פון כלערליי פער-צווייגטע געביטען פון דער אַלגעמיינער וויסענשאַפט. און ווען מיר וואַרפען אַ בליק אויף אונזער ספרים-שאַנק, וואו עס געפינען זיך ספרים פון פערשידענע צייטען, זעהען מיר דען נישט די ווערטפול-אונשעצבאַרע ווערק אויף ווי-סענשאַפטלכען געביט און וויפיל פאַקטען האָבען מיר צו פערצייכנען פון פערשידענע עפּאָכעס, ווען די נישט-יודישע פילאָזאָפען האָבען געמוזט בייגן זייערע דערגרייכ-טע אָנשויאונגען און מיינונגען פאַר די אָנשויאונגען און מיינונגען פון אַ יודישען גדול-הדור.

היינט-זשע, צי קען דען זיין אַ מיינונג אַז דאָס יו-דענטום, ריכטיגער געזאָגט, דאָס אמונה-יודענטום לויט זיין תוך און מהות איז אין היפּך צו חקירה, ווען מיר זעהען, אַז די גרויסע מענער פונ׳ם יודענטום זענען גלייכצייטיג געווען די גרעסטע וועלט-חוקרים און געניאַלסטע גייסט-רייכסטע פילאָזאָפען.

מאיר אַלטער.

**תיקון טעות:** אין אַרטיקעל „קאָצ-קער חסידות״, ז. 8, שורה 28 דאַרף זיין: דעם גאַנצען עולם ונתנו עיניהם בהרב ר׳ בנימין זה; שורה 30 שטאַטט: זוהן דאַרף זיין: איידעם.

---

דער תוכן-פערצייכניש פונ׳ם 1-טען און 2-טען יאָהר „אָרט. בלעטלעך״ קומט, אי״ה, מיט׳ן חשון-העפט.

---

שנה טובה, כתיבה וחתימה טובה לכל סופרינו, חברינו קוראינו ועוזרינו

המערכת „אָרטאָדאָקסישע בלעטלעך״

הוצאת „סגלה״, לודז.

---

רעדאַגירט דורך דער פערלאַגס-רעדאַקציע. גע-זעצט מיט אותיות פונ׳ם פערלאַג „סגלה״ געדרוקט ביי ד. שטשעטשינסקי. פער. רעד. ש. וויינרוב.

Red. odp. S. Wajnryb. Czcio.ıkami wyd. „Sgułe" Łódź. Druk. D. Szczeeińskiego, ul. Prez. Narutowicza II.

# ר ע פ ל ע ק ס ע ן

## איבער די נאָהנטסטע אָרטאָדאָקסישע ליטעראַטור

סוף פון קאַפּיטעל.

און ווייטער — דעמאָלט ווען מיר זאָגען, אַז אַ געוויסער אָביעקט, למשל ביי פּלאַסטיק, געפעלט אונז, הייסט עס: די קאָנסטרוקציע פון די ליניעס און געשטאַלטען, אויס וועלכע יעדער אָביעקט שטעלט זיך צענויף, האָט זיך צוגעפּאַסט צו די סטרונעס פון אונזער אויג, וואָס האָט צעגאָסען אין אונזער אינגעוועניג הנאה; דאַגעגען ווען מיר זאָגען, דער אָביעקט געפעלט אונז נישט, הייסט עס: דער אויסדרוק פונ׳ם אָביעקט, אַ דאַנק דער שלעכטער קאָנסטרוקציע פון די ליניעס און געשטאַלטען, האָט געמאַכט אַ מינוס השפּעה. דאַרף דאָך, אַלזאָ, דער קינסטלער ארויסברענגען דורך דער ליניע דעם ג ע פ אָ ד ע ר ט ע ן ג ע פ י ה ל פ אַ ר ד י ח ו ש י ם א ו ן נ ש מ ה, און וואָס פאַר אַ פּרצוף ס׳האָט די דאָזיגע קאָמפּאָזיציע, צי אַן אויסדרוק פון אַנ׳אָביעקט, וואָס איז פאַרהאַן אין דער ווירקליכקייט צי נישט — גערט עס קיינעם נישט אָן! — און בכלל, קוים זאָגען מיר, אַז ק י נ ס ט = א י ד ע ע, פערשטעהט זיך, דאַרף איהר דער קינסטלער איבערגעבען נאָר אין דער דאָזיגער פאָרם, אין וועלכער ער פערשטעהט איהר, שאַפען אַזאַ געבויטע סימפאָניע, ווי זיין שעפערישער גייסט דיקטירט.

ס׳איז דעריבער, דאַכט זיך, לחלוטין איבריג געבען ווערען צו פערשטעהן, אַז דאָס מיטעל, מיט וועלכען מיר בענוצען זיך צו דער מכה — (אָפּקעהרען פונ׳ם גרויסען עיקר) — מוז זיין געפּאַסט פאַר דער שלאַפקייט — (מיטגעהן אינאיינעם מיט דער צייט) —, אַז די מאָדערנע ליטעראַטור אונזערע, וואָס מיר געהען איצט שאַפען מוז זיין, לויט דער פאָרם, די אָפּשפּיגלונג פון דער היינטיגער עפּאָכע און צייט, אַז מען מוז אַלע תביעות פון דער נייער, צוקריפּעלטער צייט אריינפיהרען אין דער נאָהנטסטער אָרטאָדאָקסישער ליטעראַטור:

1) עקאָנאָמיע (שפּאָרזאַמקייט), קאָנצעטראַציע און געבויטע קאָמפּאָזיציאָנעלע קאָנסטרוקציע אין בוי פון זאַץ און אין אויסדרוק.

2) שאַרפע קאָלירען פאַר׳ן צופּוילטען געפיהל, און

3( קורצען ריטם פאַר׳ן שנעלען שפּרייזען פון ל ע ב ע ן.

*

מיר מיינען נישט דערמיט צוזאָגען, מ׳זאָל זיך נעמען זוכען די פאָרים. וואָרין די פאָרים איז נאָר אַ פּועל-יוצא פון דער האַרמאָניע, וואָס הערשט אין הארצען ביים משורר, און זאָל מען אַ שטייגער וועלען אָנוואַרפען ווערען אַ געוויסע פאָרים, פערשוואונדס דעמאָלט דאָס חירות אין דער פאָרים, מיט וואָס די היינטיגע ליטעראַטור איז אַזוי שטאָלץ. נאָר מיר מיינען — די היינטיגע נטיות און צריכות ברענגען דוקא צו אַזאַ השתפכות הנפש.

די שעהנע ליטעראַטור בכלל און די פּאָעזיע בפרט האָט נאָך דער גרויסער וועלט-אויפטרייסלונג בעקומען אַ ספּעציפישע צורה: „פון אונענדליכע ליידען איז געוואָרען אַנ׳אונענדליכע קלאָג, די אונענדליכע קלאָג איז נשתלשל געוואָרען אין אַ מעכטיגע אומרוהיגע מעלאָדיע, וואָס בעהערשט דער מהות פונ׳ם מענשליכען מין און ציהט איהם צום אין-סוף" (בעש"ט);

די היינטיגע פּאָעזיע טראָגט דעם וולד פון אַ חסידישער נקודה — דער הרגשה׳דיגער צאַפּעל פון הארץ, דער אָפּבּרי פון דער נשמה — וואָס צעפלאַקערט זיך אין איהר אָפּהענגיג פון מצב אין וועלכען דאָס הארץ פון משורר געפינט זיך, פערבינדען מיט אַזוי פיל שכל, אויף וויפיל הארץ איז געבונדען מיט מוח.

די היינטיגע פּאָעזיע פערמאָגט אין זיך נאָך עפּעס — אַ ר ב יי ט, ווייל היינט

עסטעטיק=אינטעלעקט.

און אַ חוץ דעם, וואָס פּאָעזיע בכלל איז היינט ארויסגעגאַנגען פון פעסטען גדר פּאָעזיע=הארץ**) און איבערגעגאַנגען —

פּאָעזיע=מוח,

בויט זי זיך יעצט אויך אויף די געפיהלען פונ׳ם אויג (פּלאַסטיק). — אמת, די היינטיגע פּאָעזיע איז אַ מישמאַש פון בעגריפען, פונדעסטוועגען ברענט אַ פייער אונטער דעם באַרג פונ׳ם דאָזיגען תוהו-ובוהו: — „די גרעסטע פליגעל זענען די, וואָס טראָגען אונז אין דער ספערע, וואו יעדער דיבור פערלעשט און שטילט זיך איין, וואו יעדעס וועלען פערשטעהן שטאַרבט אָפּ, וואו די נשמה פיהלט אָט דאָס, וואָס די צונג איז נישט בכח ארויסצוזאָגען" (דע קוס).

ו. לייכטער.

---

**) אין אמת, איז דאָס הארץ — חוץ הרגשה — אויך דער צענטראַל-פונקט פון דעם פיזישען און אינטעלעקטועלען לעבען פון מענש, נאָר מיר נעמען אָן די פונקציעס פון הארץ לויט די מיינונג פון די פילאָזאָפען: דאָס פיזישע און אינטעלעקטועלען לעבען געפינט זיך אין מוח נישט אינם הארץ.

ו. ל.